בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

בראשית תשפ"ב
שנה ג'

## א תורה'דיגע שלום בית

חלק א. געטריישאפט צווישן א פארפאלק • חלק ב. א לעבן פון געטריישאפט • חלק ג. געטריישאפט וואס פארבלייבט

### חלק א' - געטריישאפט צווישן א פארפאלק

#### זיך באהעפטן

ווען דער באשעפער האט באשאפן חוה און איר געברענגט צו אדם, האט ער געזאגט, כאטש וואס עס איז נאכנישט געווען שייך צו די מענטשן דאן, אבער שפעטער וועט עס יא זיין שייך: **עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ** - א מענטש זאל פארלאזן זיינע עלטערן, **וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ** - און זיך באהעפטן צו זיין ווייב.

וואס דאס מיינט, דאכט זיך אונז אז מיר ווייסן שוין - עס דערציילט בלויז א פאקט אין לעבן; יעדער יונגערמאן ציט זיך ארויס פון זיין היים, לאזנדיג הינטער זיך זיין פאטער און מוטער, און ער הייבט אן בויען א נייע היים אינאיינעם מיט זיין ווייב. דאס איז דער סדר העולם; אויב ווילסטו זיך ריקן פאראויס אויף די וועלט, פריער אדער שפעטער דארפסטו ארויספליען פון דיינע עלטערן'ס נעסט און בויען דיין אייגענע.

אבער צו מיינען אז דאס איז די גאנצע וואס דער פסוק וויל אונז דא זאגן איז א גרויסן טעות, ווייל עס ענטהאלט אין זיך פיל מער ווי דאס. מיט די געציילטע ווערטער וויל אונז דער באשעפער לערנען דעם יסוד וואס עס הייסט אן ערפאלגרייכער זיווג: "און ער זאל זיך באהעפטן מיט זיין ווייב," איז נישט אן אויסדרוק פון דער סדר העולם - ס'איז א וועג פון לעבן פאר דאס פארהייראטע פארפאלק.

עס איז א ציווי - ער מוז פארלאזן זיינע עלטערן און זיך באהעפטן מיט זיין ווייב! א מאן און ווייב מוזן זיך באהעפטן איינער מיט'ן צווייטן; דאס איז דער סדר וואס דער באשעפער האט אראפגעשטעלט פאר אלע מענטשן ביים ענין פון א זיווג.

בעריכה מיוחדת גליונות לשבת קודש

## נישט מיט קיין געפעלשטע ליבשאפט

אויב ווילן מיר פארשטיין וואס עס מיינט אז א מאן און ווייב זאלן זיך באהעפטן איינער צום צווייטן, מוזן מיר צוערשט אויסרייניגן פון זיך די גוי׳שע אידיאלאגיע וואס הערשט צווישן אונז - נישט נאר ווייל ס׳איז פאלש, נאר נאך וויכטיגער, ווייל עס טוט אונטערגראבן דעם גאנצן יסוד פון א שלום בית. און דאס איז דער שקר פון דער מעריב וועלט קאלטור, דער פאלשער אפגאט פון ראמאנטיע.

איך פארשטיי אז ס׳גייט נישט זיין גרינג צו אויסרייסן אן אידיאלאגיע וואס האט איבערגענומען די ליטעראטור פאר אפאר הונדערט יאר אבער איך פיר זיך צו רעדן למעשה׳דיג און דער פאקט איז אז די קעפ זענען געווארן פארדרייט; אייגנטליך איז נישטא אזא זאך ווי ראמאנטיע. איר וועט מיר ביטע מוחל זיין אויב איך טרעט אויף איינעם׳ס הינער אויגן אבער ס׳איז צו וויכטיג עס זאל נישט בלייבן אומגעזאגט ווייל ווען מענטשן האבן חתונה פאר אומריכטיגע און פאנטאזירטע באגריפן זענען זיי אויסגעשטעלט צו אנטוישונגען. דערפאר פאסירט ביי אזויפיל מענטשן אז דאס חתונה לעבן מאכט זיי אומגליקליך - ווייל עס וועט קיינמאל נישט זיין דאס אויף וואס זיי האבן געהאפט.

## נידער אראפ מיט דיינע ערווארטונגען

איר קענט נישט ערווארטן אז עס גייען שטענדיג זיין שמייכלען, אלעמאל פרייליך. איר מוזט זיין אנגעגרייט צום פאקט אז פיל הינזיכטן פון חתונה לעבן וועלן זיין גאנץ טרוקן; נישט בליטשקעדיג. איר חלומ׳ט זיך אז אלעס זאל זיין פול מיט רויזן און גרויסע באלאנען. און איר ווייסט ווען עס פלאצט? גלייך נאך די חופה. ווי די וועלט זאגט, וויבאלד איר האט חתונה, פליען די ראמאנטישע ערווארטונגען ארויס פונעם פענסטער.

וואס פאסירט? מענטשן האבן חתונה און דערנאך, אויפצומארגנס פון די חתונה, באקענט מען זיך מיט די פשוט׳ע מענטשליכע באדערפענישן ביים צווייטן, און מיטאמאל, דער מענטש אויף וועמען מען האט געהאט א שיינענדיגער בליק, א שוועבעדיגער געפיל, הייבט מען אן צו זען אז ער אדער זי איז א געווענליכער מענטש ווי אלע מענטשן. עס געדויערט נישט לאנג ביז אלע העכערע ערווארטונגען ווערן צעגאנגען. מען לאנדעט אויף די ערד צום טאג טעגליכן לעבן, ׳אמת׳ע חתונה לעבן׳, און דאן הייבט מען אן צו זען זאכן וואס מ׳האט נישט ערווארטעט. נאך אלעם האסטו חתונה געהאט צו א בשר ודם, איינער וואס האט געוויסע שטארקע מעלות אין זיך - יעדער מענטש האט מעלות - אבער דו דארפסט אויך ערווארטן געווענליכע כאראקטער שטריכן.

## א טרומפייטער אויסרוף

אין אנהייב פירט זיך יעדער שיין און רעדט שיין. אבער ווען מ׳הייבט אן זיך איינצולעבן צוזאמען, איז עס נישט אזוי פשוט. אודאי דארף מען קוקן פון פאראויס; אויסוועלן א שידוך וואס זעט אויס פאסיג. אבער אין מערסטנס פעלער וועט זי ווערן אויסגענארט דורך אים און ער וועט ווערן אויסגענארט דורך איר. אין אנהייב, נאכ׳ן שידוך שליסן, זאגט ער מיר, ״אה, הרב מיללער! מיין כלה׳ס מידות! איי, איי, איי, אירע מידות זענען אזוי ספעציעל!״ שפעטער אנטדעקט ער

וואס עס זענען באמת אירע מידות. איך האנדל מיט מענטשן און טו דאס נאכאנאנד בייוואוינען; אזוי איז עס אלעמאל.

דאס זעלבע איז מיט איר וואונדערליכער חתן. זי האט זיך פארגעשטעלט אין איר דמיון אז ער איז 'פרינץ גלאנציג' אבער אצינד רופט זי מיר אן אויפ'ן טעלעפאן כמעט יעדע וואך איבער דעם פראבלעם און יענער פראבלעם וואס ער מאכט איר. זי איז מער נישט אזוי אנטציקט פון זיינע מידות.

דערפאר איז אזוי וויכטיג צו ארויסגעבן א טרומפייטער אויסרוף צו אלע בחורים און מיידלעך: לעב נישט אין א פאלשער חלום! דמיון נישט אז חתונה לעבן איז דער ענטפער פאר דיין דארשט צו פרייליכקייט! ווייל איר ווייסט וואס גייט פאסירן? איר וועט אנטדעקן אז עס איז נישט. איר וועט זיך טרעפן זיך אנשטויסן אין שטיינער פון לעבן. קיינער קען דאס נישט לייקענען.

## דער רויזן וועג איז מיט דערנער

א מענטש האט מיר אמאל דערציילט אז ער האט געוואלט חתונה האבן מיט א געוויסע מיידל ווייל זי איז א מושלמת; ער האט געמיינט אז "צוזאמען וועלן זיי שפאנען האנט אין האנט אויף א וועג פון רויזן אין לעבן" - דאס מיינט אז ער לעבט ממש אין א באלאן!

האנט אין האנט?! יעדער מענטש האט זיינע אייגענע פליכטן אין לעבן. ווען דו האסט חתונה, האט דיין ווייב אירע רצונות איבער וואס צו טון אין הויז, און דו האסט דיינע חלומות וועגן דער בית המדרש אדער דיין ביזנעס, אדער סיי וואס צו טון אין לעבן. טראכט נישט אז דיין מאן גייט זיך טיילן מיט דיינע ערווארטונגען, פארגעס דערפון! נשים עם בפני עצמן - פרויען זענען א באזונדערע פאלק. דאס מיינט אז מענער זענען אויך א באזונדערע פאלק. מיין נישט אז דיין מאן גייט טראכטן אזוי ווי דיר.

## ווי אזוי ציען מיר איינער צום צווייטן?

און דערפאר דארפן מיר ערקלערן וואס עס מיינט ווען די תורה זאגט, "**ודבק**". ווייל אויב איז נישטא קיין ראמאנטיע און זיי גייען נישט שפאנען האנט אין האנט, איז וואספארא סארט דביקות, וואספארא סארט פארבינדונג איז דא אין חתונה לעבן? וואס מיינט דאס אז דו ביסט ערווארטעט צו 'פארלאזן דיין פאטער און מוטער און זיך באהעפטן צו דיין ווייב'? וואס איז דער וועג פאר א מאן און פרוי זיך צו באהעפטן איינער צום צווייטן דורכאויס זייער גאנץ לעבן?

דער ענטפער איז אזוי: **עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ**, מיינט נישט אז מ'הערט אויף צו ליב האבן די עלטערן און מ'לייגט די גאנצע ליבשאפט נאר אין די ווייב. נישטא אזא זאך! דו דארפסט ווייטער אלעמאל מכבד זיין דיינע עלטערן און זיי ליב האבן, פונקט ווי דו דארפסט ליב האבן אלע ערליכע אידן; דאס וועט זיך קיינמאל נישט ענדיגן. אבער 'איר זאלט זיך באהעפטן' מיינט אז דיין קאנצענטרירונג פון געטריישאפט טוישט זיך יעצט. דו דארפסט זיך באהעפטן צו דיין ווייב דורך געטריישאפט. און ווי געטריי דארפסטו זיין? אזוי געטריי, אז **יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ** - אין געוויסע הינזיכטן ווערסטו זיך דארפן געזעגענען פון דיינע עלטערן, אויב דו ווילסט זיך באהעפטן מיט דיין ווייב מיט אן אמת'ע געטריישאפט.

## געטריי מיט די וואוינונג

לאמיר זאגן דו האסט חתונה צו א פרוי אין א פרעמדע לאנד און דו באזעצט זיך אין איר היימלאנד. דאן איז די הלכה, אויסער אויב דו האסט בפירוש זיך אויסגענומען פון פאראויס, "מיר האבן חתונה מיט א תנאי אז דו וועסט קומען מיט מיר וואוינען אין מיין היים לאנד," אבער אויב נישט, ביסטו געבונדן צו איר אויף אייביג. לאמיר זאגן עס פארגלוסט זיך דיר זיך אומצוקערן צו דיינע עלטערן. דיין מאמע רופט דיר אן אויפ'ן טעלעפאן, "שעפעלע, ביטע קום צוריק וואוינען נעבן מיר, איך וויל נאכאמאל זען דיין לעכטיגע פנים." נישטא אזא זאך! אויב די ווייב זאגט, "זע דו האסט חתונה געהאט צו מיר דא און דאס איז וואו איך וויל זיין," זאגסטו, **עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ** - איך דארף פארלאזן מיין טאטע און מיין מאמע, איך דארף זיין מיט מיין ווייב. אזא סארט קרבן דארפסטו זיין גרייט צו ברענגען פאר דיין ווייב!

דאס איז א געוואלדיגע זאך! די הלכה ווערט געברענגט (אבן העזר עה), אלס א ביישפיל ווי געטריי א מאן דארף זיין צו זיין ווייב - נאכמער געטריי ווי צו זיינע עלטערן. איינמאל דו ביסט געבונדן צו דיין ווייב, איז דאס א שטארקערער בונד ווי דער בונד צו דיינע עלטערן! דו קענסט פארלאזן דיינע עלטערן ווען עס איז נויטיג, אבער דו קענסט נישט פארלאזן דיין ווייב!

## נישט בארעדן

און אודאי זאל א מאן קיינמאל נישט גיין און זיך אפרעדן צו זיינע עלטערן אויף זיין ווייב. אפילו פאר וויץ, זאל ער קיינמאל נישט זאגן פאר זיינע עלטערן א ווארט איבער זיין חתונה לעבן. אויב א מאן רעדט זיך אפ אויף זיין ווייב צו זיין מאמע, איז ער עובר אויף א שרעקליכע עבירה; ער טוט פארלעצן אויף זיין כתובה. דאס זעלבע מיט די ווייב. ס'איז א פאטאלער טעות פאר א פרוי זיך צו אויסרעדן צו אירע עלטערן אז איר מאן האט איר נישט גוט באהאנדלט, אז ער האט דאס נישט געטון גוט אדער יענץ נישט געטון גוט. זי זאל קיינמאל גארנישט זאגן פאר אירע עלטערן. מאך זיכער קיינמאל נישט צו זאגן א ווארט.

איך קען נישט גענוג באטאנען די וויכטיגקייט פון דעם פרינציפ. ווען עס קומט צו איבערשמועסן דאס שלום בית, זאל מען קיינמאל נישט רעדן צו די עלטערן דערפון. אויסער אז מ'וויל זאגן, "חיים איז א ספעציעלער מאן." דאס איז די מערסטע וואס מ'קען זאגן. אדער, "שרה איז א גוטע קעכערטע, זי איז אן אויסערגעוויינליכע באלעבאסטע." דאס אלעס; גארנישט מער. סיי וואס מער מ'זאגט, איז אן ריס אינעם בונד פון געטריישאפט.

## יום טוב געסט

מאכט זיך א מאן וואס ער וויל אז זיינע עלטערן זאלן קומען צו אים אויף יום טוב אבער זיין ווייב איז איבערגעשטרענגט; זי זאגט אז ס'איז צופיל פאר איר. דאן מוז איר מאן שטעלן איר רצון ערשט. ער קען עס איידל ערקלערן פאר זיינע עלטערן, מיט אלע סארט תירוצים און אנטשולדיגונגען, אבער סיי וואס עס זאל זיין, זיין ווייב קומט ערשט.

דאגעגן, אויב די ווייב קען דורכטראגן די שוועריקייט, אויב זי זוכט א גרויסע מצוה וואס וועט איר העלפן זוכה זיין צו עולם הבא, דאן זאל זי זאגן פאר איר מאן ער זאל זיי איינלאדענען, ווייל **לפום צערא אגרא** - 'דער שכר קומט לויט די צער' און זי וועט זיך אויך אויסארבעטן אירע

מידות. אבער אויב זי וויל נישט, דאן מוז ער צוהערן צו זיין ווייב און נישט איינלאדענען זיינע עלטערן. ער האט נישט קיין רעכט איר צו פארשאפן צער דורך לייגן זיינע עלטערן ערשט.

און דאס איז וואס די תורה טוט באטאנען: **עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ** - אפילו דיין טאטע און מאמע פאר וועמען דו ביסט שולדיג דיין לעבן; דו ביסט זיי אלעס שולדיג - דאך, דער בונד פון געטריישאפט צווישן א מאן און ווייב טוט דאס איבערוועגן. כדי אראפצושטעלן אן ערפאלגרייכער תורה׳דיגער זיווג, ״דארף א מאן פארלאזן זיין טאטע און זיין מאמע, און פארשטייט זיך אויך יעדער איינער אנדערש, און זיך באהעפטן צו זיין ווייב מיט א בונד פון געטריישאפט.״

דאס מיינט, אז אין אלע צייטן פילסטו אז דו ביסט אחריות אויף דאס וואוילזיין און פרייליכקייט פון דיין פָּאר. זיי גרייט צו גיין אין פייער און וואסער פאר דיין מאן אדער דיין ווייב. דאס איז נישט אן ענין פון ליבשאפט; ס׳איז אן ענין פון א פליכט, פון געטריישאפט.

## די ריכטיגע צוגאנג

אלזא, אזא צוגאנג קען נאר צושטאנד קומען ווען א מאן און א פרוי פארשטייען אז זיי האבן נישט חתונה צוליב ליבע און הימלדיגע חלומות, נאר צוליב עבודת ה׳. זיי האבן חתונה צוליב דער געוואלדיגער ענין פון ׳זיווג׳ וואס דער באשעפער האט זיי באפוילן צו אויספירן.

דער באשעפער האט באשאפן דער מושג פון חתונה האבן אלס דער בעסטער וועג צו צוקומען צו פרייליכקייט אין לעבן. מען האט חתונה צו האבן א מאן אדער ווייב - א מאן און ווייב אינאיינעם זענען א געוואלדיגע באקוועמליכקייט אין לעבן, זיי העלפן איינער דעם צווייטן זיך צו דערהאלטן ביים לעבן. עס איז זייער שווער זיך אן עצה צו געבן אין לעבן, מען מוז האבן א זיווג.

איר וועט מיר אנטשולדיגן פאר די פארגלייכונג - איך מיין נישט די פארגלייכונג - אבער דו מוזט האבן א פריזשידער אין דיין הויז. דו דארפסט האבן לעקטערס און דו דארפסט האבן ווענט און א דאך און אויך טירן. דו דארפסט האבן אסאך זאכן. און כדי צו לעבן ווי ס׳דארף צו זיין דארף א מאן האבן א ווייב און א פרוי דארף האבן א מאן - זיי דארפן זיך האבן איינער דעם אנדערן. די קאמפאניאן, די חיזוק, די הילף; ס׳איז נישטא קיין סוף צו די גוטס אין א חתונה געהאטע לעבן.

דאס מיינט אז ודבק מיינט נישט ׳שוועבן אין ליבשאפט׳ צווישן מאן און ווייב; אויב קען מען האבן א געוויסע מאס ווארעמקייט, דאס איז געוויסע גוט. און דערנאך, דורכאויס דאס לעבן, אנגעהויבן פונעם טאג נאך די חתונה, הייבן ביידע אן ארויסווייזן די ווארעמקייט און אט די ווארעמקייט און געטריישאפט וואקסט אלץ מער מיט די צייט, ביז עס פארעמט זיך א באאיינזאמקייט פון איידלקייט און קדושה און איבערגעגעבנקייט איינער צום אנדערן - און דאס אלעס וואקסט אויף די קערנדלעך פון געטריישאפט. אודאי דארף מען באוואסערן די קערנדלעך מיט נאך זאכן, אבער אט פון די קערנדלעך פון געטריישאפט פארעמט זיך א גוטער שלום בית.

# חלק ב׳ - א לעבן פון געטריישאפט

## נעם א שטעלונג

אין אזויפיל הינזיכטן אין דיין טאג טעגליכן לעבן קענסטו ארויסווייזן געטריישאפט, ביי יעדן

ריר האסטו א געלעגנהייט און פליכט צו זיין געטריי. און דערנאך, וועלן פון די קערנדלעך פון געטריישאפט וואקסן אזויפיל גוטע זאכן קענען. דאס איז דער יסוד פון דיין חתונה לעבן - נישט קיין חילוק וואס, באהעפסטו זיך צו דיין זיווג; דיין זיווג קומט ערשט!

געטריישאפט מיינט אויך, אז צומאל וועסטו אפילו דארפן נעמען א שטעלונג. צום ביישפיל, א מאן וואס זעט אז איינע פון זיינע עלטערן מישט זיך אריין אין זיין פאמיליע לעבן - אפשר עפנט זיין מאמע איר מויל איבער זאכן וואו זי דארף זיך נישט אריינמישן אדער זאגט זאכן פאר זיין ווייב וואס איז איר מצער. וואס איז דאן דער פליכט פון א מאן? ער זאל נישט קווענקלען זיך אריינצומישן! דאס איז זיין אויפגאבע אלס א געטרייער מאן; ער מוז זיך אריינמישן!

און נישט נאר צו באשיצן זיין ווייב דורך זיך טענה׳ן מיט זיין מאמע אהין און צוריק, אהין און צוריק. ניין; ודבק מיינט אז ער זאגט אזוי: ״מאמי, איך בעט דיר, זאג נישט אזעלכע זאכן אויף מיין ווייב.״

עס איז די נארישסטע זאך פאר עלטערן צו רעדן צו זייער קינד איבער זיין/איר זיווג. אבער אויב טוען די עלטערן אט די נארישקייט, דארף מען זיי אויפמערקזאם מאכן אז מ׳איז גרייט צו רעדן איבער אלעם אויסער איבער דעם מאן/ווייב. שטעל אראפ דעם כלל, האב נישט מורא עס צו טון.

## זיי שטארק

נישט נאר מיט עלטערן, אויך צווישן אנדערע קרובים. אויב מאכט איינער אמאל א וויץ און זאגט, ״שרה איז נישט אזא גוטע קעכערטע.״ געבסטו א שפרינג אריין און נעמסט זיך אן פאר דיין ווייב! ״נישט ריכטיג! מיין ווייב איז זייער א גוטע קעכערטע.״ צי זי איז יא אדער נישט, געטריישאפט מיינט אז ביי דיר איז זי די בעסטע קעכערטע אין די וועלט. און דערפאר, סיי ווען איינער זאגט עפעס איבער דיין ווייב, וועסטו עס נישט אדורכלאזן. ״הער אויף!״ וועסטו זאגן, ״הער אויף צו רעדן! עס איז מיין ווייב פון וועמען דו רעדסט!״ דו זאלסט שטענדיג באשיצן איר נאמען קעגן מענטשן וואס האבן ליב צו לאזן לויפן זייער צונג.

פיל מענטשן קוקן אראפ אזעלכע וואס נעמען זיך אן פאר זייער מאן/ווייב - זיי מיינען אז דאס איז שטאלצקייט - אבער דו דארפסט וויסן אז דאס איז דער בעסטער באווייז אויף די שטארקע געטריישאפט. דער באשעפער האט דיר זייער ליב אויב דו פירסט זיך אזוי.

און דאס זעלבע איז מיט א פרוי, אויך זי דארף זיך אננעמען פאר איר מאן; אויסדריקליך. אויב דיין מאן איז א חזן און איינער פרעגט, ״ער איז א שיינער זינגער?״ ״זיכער! מיין מאן איז דער בעסטער חזן!״ אפגעזען צי ער איז יא אדער נישט; דו פירסט אויס דיין פליכט אלס א געטרייע ווייב. ״דיין מאן איז א מלמד?״ ״יא, ער איז דער בעסטער מלמד אין חדר!״ אויב האט ער א שיך געשעפט, דאן וויפיל עס איז שייך צו דיר, פארקויפט ער די בעסטע שיך.

און אזוי איז ער אויך געטריי צו איר; ער זאגט שטענדיג, ״מיין ווייב איז די בעסטע בעקערטע,״ ״מיין ווייב האט די ריינסטע הויז,״ ״מיין ווייב פראבירט דאס בעסטע צו שפארן געלט.״

שבת ווען דו זיצט ביים טיש מיט געסט און דו האסט זיך אנגעגרייט צו זאגן געדאנקען אויף די סדרה, איז די ערשטע באמערקונג - אין אנוועזנהייט פון די געסט - ״אה! וואספארא

געשמאקע חלות!" נאר אויב זי האט געבאקן די חלות. אויב נישט, טרעף עפעס אנדערש מיט וואס איר צו לויבן. אויב האט זי געמאכט די פיש, זאלסטו מיט דעם אנהייבן די שבת סעודה: "אה! וואספארא געשמאקע פיש האט מאמי געמאכט!"

## גוטע קאכן און גוטע אויסזען

און דער אמת איז, זי קאכט גוט! געוועגליך איז עס זייער גוט. און דער געטרייער מאן מאכט זיכער עס צו זאגן. און נישט נאר צווישן אנדערע, אפילו ווען זיי געפינען זיך אליין צווישן זיך נעמט ער זיך אן פאר איר. צווישן די נקודות וואס זענען אריינגערעכנט אין דעם יסוד פון ודבק איז די וויכטיגקייט צו מוטיגן און אויסלויבן איינער דעם אנדערן ווי ווייט מעגליך. א מאן זאל שטענדיג לויבן זיין ווייב - עס איז קיינמאל נישט גענוג. א געטרייער מאן וועט זאגן פאר זיין ווייב פון צייט צו צייט אז זי איז אן אשת חיל. אויך אנדערע זאכן. ווען דו קומסט אריין אין הויז זאג, "ווי שיין און ריין איז דאס הויז," אדער, "דו ביסט אן אויסנאמע פירערין - א גוטע באלעבאסטע." אויב קאכט זי פאר דיר נאכטמאל זאלסטו קיינמאל נישט פארגעסן צו געבן א קאמפלימענט אויף איר קאכן.

מאך אויך זיכער צו קאמפלימענטירן איר אויסזען. יעדער מאן דארף מאכן זיין ווייב טראכטן אז זי איז די שענסטע פרוי. און זיי נישט קארג, זיי ברייט מיט דיין לויב. אפילו ווען זי איז שוין אן אלטע פרוי, וויל זי נאך אלץ הערן ווי גוט זי זעט אויס. אזוי זענען פרויען - דאס איז זייער נאטור. אן אלטע עלטער באבע, מיט אירע פיס כמעט אין קבר, קוקט אין שפיגל צו זען אויב זי האט באקומען נאך א קנייטש אויפ'ן פנים. עס איז די פליכט פונעם מאן צו אנהאלטן מיט געטריישאפט די סארט גוטע געפילן אין וועלכן זיי האבן געשוועבט אין די מאמענטן פון זייער חתונה. אפילו ווען די ווייב איז שוין זייער אלט, פול מיט קנייטשן, אן קיין ציין, מאך זיכער נישט צו אויפמערקן אויף קיין שום טויש אין איר אויסזען. אויב ביסטו קלוג וועסטו זאגן, "דו זעסט אויס אזוי בא'טעמ'ט פונקט ווי ווען איך האב חתונה געהאט צו דיר." אבער סיי וואס דו טוסט, אין קיין שום פאל זאלסטו נישט אפילו נאר מרמז זיין אז עס איז געווארן א טויש אין דיין געפיל צו איר.

טראכט נישט אז די הדרכה איז נאריש, ווייל נאריש איז זיך צו פארהוילן פון די רייד פון באשעפער, "**ודבק באשתו**," און צו מיינען אז דו וועסט טרעפן אנדערע וועגן, בעסערע וועגן, צו קונה זיין הצלחה אין דיין חתונה לעבן.

## קאמפלימענטירן דעם מאן

א ווייב זאל אויך קאמפלימענטירן איר מאן - זי זאל מאכן זיכער צו טרעפן וועגן ארויסצואווייזן שעצונג צו איר מאן. דיין מאן איז עוסק אין תורה? לויב אים אויף דעם. טראכט פון פארשידנארטיגע זאכן און וועגן אים צו לויבן. אויב זעט זי אז ער מאכט א ברכה מיט כוונה זאל זי אים אויסלויבן אויף דעם. טראכט נישט אז עס איז גארנישט; סיי וואס ער טוט זאל גענוצט ווערן ארויסצואווייזן איר געטריישאפט און פארשטארקן דעם בונד פון זייער זיווג.

מיין נישט אז א מאן דארף נישט האבן קיין חיזוק. ער שטעלט אן א פנים אזוי אבער אייגנטליך, צו ארויסגיין אין די שווערע קאלטע וועלט צו מאכן פרנסה איז א ביטערע פארמעסטונג. ער גייט

נישט ארויס אין גאס און נעמט אראפ דאללארן פון בוים. ער ארבעט שווער ביי זיין ארבעטס פלאץ, ער דארף זיך ספראווען מיט א בעל הבית וואס שטייט אויף זיין קאפ און אנדערע מענטשן וואס באדערן אים; פיל מאל נערווירט עס. און דאך, ער קריצט מיט די ציין און גייט אן.

דער געטרייער מאן טראכט, "נישט קיין חילוק ווי שווער עס איז, איך האלט זיך מיט די ארבעט ווייל איך בין געטריי צו מיין ווייב און דאס איז מיין פליכט פאר איר." און דערפאר, ווען ער קומט אהיים ביינאכט אויסגעקוועטשט - נישט נאר פיזיש; ער איז אויסגעקוועטש גייסטיש און געפיליש - אנערקענסטו די געטריישאפט מיט גוטע ווערטער פון חיזוק. די געטרייע ווייב שטעלט צו פאר איר מאן א מיטפילנדע אויער. זי האט אויך געהאט א שווערן טאג מיט די קינדער אבער זי קען זאגן אפילו בלויז צוויי דריי גוטע ווערטער און דאס וועט זיין ווי באלזאם אויף זיין צעקלאפטן גייסט. א ווייב קען דינען ווי א דאקטער און פסיכאלאג צו איר מאן; אפילו אויב זי הערט אויס בלויז אביסל און זאגט געציילטע ווערטער פון ווארעמע חיזוק איז זי מער ווערד ווי דער גרעסטער דאקטער.

## מעסט דיינע ווערטער

דאס זעלבע איז ווען דער מאן קומט אהיים פון די ארבעט און זיין ווייב איז איבערגעשטרענגט; די קינדער האבן געווילדעוועט א גאנצן טאג, דער וואש מאשין האט זיך צעבראכן, און נאך זאכן האבן פאסירט און אצינד זענען אירע נערוון אויסגעדראשן. און יעצט קומט ער אהיים און זי דערציילט אים פון אירע פראבלעמען און ער זאגט, "זיי נישט אזוי נערוועז, דו מאכסט א גאנצער עסק פון גארנישט!" אוי ניין! דאס הייסט א נארישער מאן! אנשטאטס וואלט ער געקענט זאגן, "אוי, דאס איז שרעקליך, אבער איך זע דו געבסט זיך פיין אן עצה, איך זע דו גייסט גוט אן. איך שעץ ווי גוט דו באהאנדלסט זאכן; אז דו האלטסט די הויז אזוי ריין און צוזאמגענומען טראץ אלעס וואס גייט דא פאר." ער זאגט אפאר ווערטער, פארוואס נישט? עס קאסט אים עפעס געלט?

געטריישאפט מיינט אז דו פירסט זיך נישט אינדערהיים לויט דיינע גוסטעס; דיינע ווערטער זענען געמאסטן. געוואוין זיך איין צו טראכטן פאר'ן רעדן, 'ווי אזוי קען איך דאס זאגן אין א וועג וואס דריקט אויס די מערסטע געטריישאפט וואס איז מעגליך צו מיין ווייב?' חיזוק און ליוב זענען זייער וויכטיגע באשטאנדטיילן אין א אידישע הויז - ס'איז א וועג פון נאכאנאנדע פארשטארקונג אויף דעם בונד פון געטריישאפט. און דערפאר, אפילו ווען עס איז שווער, אפילו ווען עס זעט נישט אויס נאטורליך, ווי ווייט מעגליך זאלסטו באגיסן דיין מאן / ווייב מיט גוטע ווערטער.

## זיי נישט פויל

אלזא, איך פארשטיי אז עס איז אוממעגליך אלעמאל צו טון אזוי, אבער געוויסע זאכן זענען יא אלעמאל מעגליך - דער תורה'דיגער וועג פון חתונה האבן פארלאנגט זיך צו פירן שטענדיג מיט איידלקייט. סיי וואס דו דארפסט פון דיין ווייב מוזטו עס אלעמאל זאגן העפליך. "שרה, קענסט מיר ביטע דערלאנגען דאס-און-דאס."

אודאי איז די בעסטע זאך זיך אויפצושטעלן און אליין זיך באדינען. עס געפעלט מיר נישט

דאס וואס מענער זיצןביים טיש און שרייען אריין צום קאך, „ברענג דאס, ברענג יענץ.“ שטעל זיך אויף און ברענג דיר עס אליין! וואס ביסטו, א קריפל? דו האסט צוויי געזונטע פיס! אפילו ווען דו זאגסט עס העפליך: „שרה, אביסל מער צוקער, ביטע, אביסל מער פון דעם,“ ווער האט דיר געמאכט פאר א מלך וואס זיצט ביים טיש און געבט ארויס באפעלן?! שטעל זיך אויף דו פוילער יונג און טו עס אליין!

א געוויסער מענטש אין אן אינדערפרי נאכ׳ן דאווענען, זייענדיג אין בית המדרש, אנגערופן זיין ווייב פון פאבליק טעלעפאן: „ביטע שרה, ברענג מיר א שירעם.“ זי איז געווען דאן אין ספעציעלע אומשטענדן און אינדרויסן איז געווען גליטשיג מיט שיכטן אייז אויסגעלייגט. ווען איך האב געהערט דערפון, בין איך געווארן ערשטוינט פון די גאוה! די פרוי זאל ארויסגיין אינדרויסן אויף די גליטשיגע גאסן דיר צו ברענגען א שירעם?!

## העפליכקייט אין די אטמאספער

אמאל מוזטו עפעס בעטן, דאן זאג „ביטע“ יעדע מאל; כאטש אזויפיל. דו זאגסט פאר דיין ווייב, „ש׳כח חנה,“ „ביטע חנה, קען איך האבן דעם לעפל?“ און ווען זי דערלאנגט דיר דעם לעפל, „ש׳כח חנה, איך בין דיר דאנקבאר.“ און זי טוט דאס זעלבע מיט געטריישאפט: „חיים, קען איך דאס ביטע האבן?“

ווען זיין ווייב דארף איינקויפן קליידונג פאר די קינדער קומט זי און זאגט, „חיים, איך דארף געלט צו קויפן שיך פאר די קינדער, ביטע.“ און ווען ער זאגט, „דא האסטו,“ זאגט זי, „ש׳כח.“ עס הערט זיך ווי עס איז איבריג ווייל דאס איז זיין פליכט; ער דארף סייווי צושטעלן דאס געלט. אבער מיט׳ן זאגן „ביטע“ און „ש׳כח“, שמירט עס זייער פארבינדונג זאל פארן גלאטיג אין לעבן. און דערפאר, זאל שטענדיג הערשן אין די אטמאספער פון הויז א צוגאנג פון העפליכקייט; זאלסט אלעמאל זאגן זאכן אין א וועג וואס צייגט א געוויסע שעצונג צו דיין פָּאר.

## אין אנוועזנהייט פון די קינדער

בפרט זאלן עלטערן ארויסווייזן זייער געטריישאפט איינער צום צווייטן אין אנוועזנהייט פון די קינדער. די קינדער זאלן קיינמאל נישט זען עפעס אנדערש, נאר כבוד. ער זאל אויסלויבן זיין ווייב צו די קינדער און די מאמע זאל אויך הערן. אין אנוועזנהייט פון די מאמע רעדט צו דיינע קינדער איבער די גרויסע מצוה צו מכבד זיין זייער מאמע. דו טוסט דאס, ערשטנס, אז דיין ווייב זאל הערן; דיין ווייב זאל זען אז דו ווילסט איר מכבד זיין. די מאמע זיצט דארט און הערט; גלייבט מיר, זי וועט נישט זיין בייז אויף דיר.

די מאמע זאל אויך פארלאנגען פון אירע קינדער, אין אנוועזנהייט פונעם טאטן, „זיץ נישט אויף טאטי׳ס בענקל.“ „זאג נישט אנדערש פון דיין טאטן.“ לערן זיי עס נאכאנאנד, נאכאמאל און נאכאמאל; מיין נישט אז עס איז איבריג. מאמעס זאלן אויסלערנען זייערע קינדער, אין יעדן עלטער, צו מכבד זיין זייער טאטן.

אויב דו זיצט ביים טיש און די קינדער ווילן רעדן, זאל די מאמע זאגן, „קינדערלעך, טאטי רעדט ערשט.“ די מאמע דארף דאס זאגן, נישט דער טאטע. און דער טאטע זאל זאגן, „קינדער, מאמי רעדט ערשט.“ עס איז אזוי וויכטיג פאר די קינדער און נאך וויכטיגער פון אלעם איז, אז

דו וועסט נושא חן זיין אין די אויגן פון דיין ווייב אדער מאן; ווען יענער הערט דיר זאגן, "זיי מכבד דיין טאטן," אדער "זיי מכבד דיין מאמען," ווערט דער געפיל פון געטריישאפט שטארקער באפעסטיגט.

## חלק ג׳ - געטריישאפט וואס פארבלייבט

### צעבראכענע געשיר

אלזא, ס׳איז גרינג צו רעדן ווי אזוי מיר דארפן מקיים זיין דעם באפעל פון ודבק דורך זיך אננעמען פאר דעם צווייטן פָּאר און דורך לויבן און מוטיגן און רעדן מיט א העפליכע געטריישאפט אין אלע צייטן, אבער אמאל מאכן זיך שטרויכלונגען; אין פאקטישן לעבן פאסירט אמאל אז עס פאלט פון דיר אראפ א טעלער און עס צעברעכט זיך. עס פאסירט ביי יעדן; דאס זענען קליינליכע טראגעדיעס - און צומאל איז עס נישט אזוי קליינליך.

און דערפאר מוזן מיר באטאנען אז דער באפעל פון ודבק מיינט, אז נישט קיין חילוק וואס עס פאסירט, הייבסטו אויף די שטיקלעך און שטעלסט עס צוריק צוזאם. אודאי איז בעסער זאלסט פון פאראויס אכטונג געבן נישט אראפצולאזן קיין געשיר, אבער געטריישאפט באדייט אז ביידע, מאן און ווייב, טוען גיך צוזאמנייען דעם ריס.

### אנהאלטן א רוטין

איינע פון די וויכטיגסטע אופנים פון צוריק צוזאמשטעלן די צעבראכענע שטיקלעך איז דורך אנהאלטן א רוטין אין חתונה לעבן. די מצוה פון ודבק מיינט אז דער רוטין זאל קיינמאל נישט ווערן איבערגעהאקט. אפגעזען פון וואס ער אדער זי טוט, וועסטו פארזעצן צו זיין א געטרייער מאן/ווייב און נישט פארמינערן מיט קיין האר אלעס וואס אן אחריות׳דיגער מאן אדער ווייב מוז טון.

זי זאל ווייטער פארזעצן אלעמאל צו צוגרייטן די מאלצייטן, נישט קיין חילוק וואס. אפילו אויב עס רודערט אין איר מיט אויפברויז, שטייט זי ביים גאז קאכנדיג די מאלצייטן; פונקט ווי דער כהן שטייט ביים מזבח און איז מקריב דעם קרבן תמיד של שחרית און תמיד של בין הערביים יעדן איינציגן טאג, נישט קיין חילוק וואס! ער איז געטריי צו די עבודה אין בית המקדש און פירט אויס זיינע פליכטן. דאס איז א ביישפיל פון א געטרייע ווייב וואס בלייבט געטריי צום באשעפער׳ס בנין פון דער מקדש מעט, נישט קיין חילוק וואס.

### נישטא קיין סטרייק!

קיינמאל, אונטער קיין שום אומשטענדן, זאל א ווייב זיך אנטזאגן צו אויספירן אירע פליכטן אלס א ווייב. זי גרייט צו נאכטמאל יעדן טאג און געבט זיך אפ מיט זיינע וועש. א ווייב זאל קיינמאל נישט נקמה נעמען דורך אפהאלטן פון אים זיינע רעכטן. זי דארף זיך טאקע נישט בעטן צו אים אבער זי מוז פארזעצן דעם שטייגערליכן רוטין פון לעבן; פונקט ווי די זון שיינט אויף און גייט אונטער יעדן טאג, אזוי גייט א געטרייע ווייב קיינמאל נישט אויף קיין סטרייק.

אויך דער מאן זאל קיינמאל, קיינמאל נישט מאכן קיין ריס אין דער רוטין פון לעבן. אפילו אויב דו גייסט ארויס פון הויז אינדערפרי ברענענדיג פון א ווארט וואס דיין ווייב האט דיר געזאגט - און עס קען זיין אז דו ביסט געווען אזוי נאריש צו איבער׳חזר׳ן דאס ווארט אין דיין קאפ נאכאמאל און נאכאמאל א גאנצן טאג זיצנדיג אין אפיס - און יעצט ביסטו אזוי אויפגערעגט אז דו ווילסט איר אפטון און זאגן, "איך עס נישט היינט קיין נאכטמאל." קיינמאל זאלסטו דאס נישט טון! ווען דו קומסט צוריק אהיים פארנאכטס, זאלסטו זאגן, "א גוטן אוונט," און דו זאגסט עס מיט א שמייכל. און דו זעצט זיך אראפ אויף דיין געוועגליכן פלאץ, דו עסט די נאכטמאל און באדאנקסט דיין ווייב; דו זאלסט איר אפילו אויסלויבן פאר איר געקעכטס.

## נישט אפהאלטן קיין געלט

דער געטרייער מאן פירט אויס זיינע אלע פליכטן, נישט קיין חילוק וואס. ער ארבעט שטענדיג צו ברענגען פרנסה צו קענען צאלן דירה געלט און דעקן אלע שטוב אויסגאבן. ער זאל קיינמאל נישט נקמה נעמען אין זיין ווייב דורך זיך אנטזאגן פון צושטעלן געלט פאר די געברויכן פון שטוב; נישט קיין חילוק וואס עס פאסירט, ער ברענגט אהיים געהאלט - צי ס׳איז געווענליכע געלט אדער געלט וואס זי דארף האבן פאר א ספעציפישער צוועק, זאל א מאן קיינמאל זיך נישט אנטזאגן דאס צו צושטעלן צוליב א רוגזה אויף זיין ווייב.

חס ושלום צו זאגן, "די וואך געב איך דיר גארנישט." נישטא אזא זאך! ער לייגט ווייטער אריין געלט אינעם קאנווערט וואו ער האלט דאס מזומן פאר זיין ווייב צו ניצן, ווייל געטריישאפט מיינט אז אלעס גייט ווייטער אן קיין איבעררייס, נישט קיין חילוק וואס; אנדערש טוט ער חרוב מאכן זיין מקדש מעט. א מאן און א פרוי דארפן שטענדיג געדענקען וואס די היינטיגע פרשה באפעלט: "ודבק!" נישט קיין חילוק ווי פארוייטאאגט דו ביסט, ווי אויפגערעגט דו שפירסט, דו קריצט מיט די ציין און טראגסט עס אריבער.

## די שולע פון שווערע שטרויכלונגע

דער אמת איז אז ווען מענטשן האבן חתונה דארפן זיי זיין גרייט פאר שווערע שטרויכלונגען. ס׳איז זייער וויכטיג דאס צו האלטן אין געדאנק אז עס גייען זיין נסיונות און פארמעסטונגען. סיי אויב דו ביסט שוין חתונה געהאט אדער דו האפסט צו חתונה האבן איין טאג, זאלסטו גוט איינ׳חזר׳ן די ווערטער: עס איז נישטא אזא זאך ווי א גלאטע חתונה לעבן! פארגעסן דערפון! חתונה האבן מיינט, זיך אנשטויסן אין מיינונגס פארשידנהייטן; עס איז א צוזאמשטעל פון צוויי אנדערע כאראקטערס - יעדע איינע מיט זיינע קריצן, וואס זיי רייבן זיך אריין איינער אין צווייטן. און פונקט אזוי קומט עס צו זיין.

דערפאר, ווען דער באשעפער האט אויסגעשטעלט דעם סדר פון חתונה האבן געזאגט צום ערשטן מאן, **אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ** - איך וועל מאכן פאר אים א הילף, קעגן אים. אצינד, וואס מיינט דאס "איך וועל מאכן אן עזר, א הילף, פאר דער מאן"? צי מיינט דאס אז דער באשעפער וועט מאכן א ׳יא׳ מענטש? סיי וואס ער זאגט, וועט זי זאגן "יא"? אדער וואס זי זאגט, וועט ער זאגן "יא"? דאס מיינט אן עזר? ניין! דאס העלפט נישט א מענטש. אין פאקט, טוט עס פארדארבן דעם כאראקטער אויב דו טוסט קיינמאל גארנישט, נאר צושטימען.

## אויסארבעטן די זעל

אויב דיין ווייב איז גארנישט נאר א ווידער קול פון דיינע אייגענע מחשבות, דאן וועסטו זיכער נישט מצליח זיין אין דיין שטרעבונג צו אויסארבעטן אלע פלעקן פון דיין נאטור. דאס איז פונקט ווי מ׳זאל לעבן אליין און "עס איז נישט גוט פאר א מאן צו זיין אליין און דערפאר וועל איך מאכן פאר אים אן עזר כנגדו; איינער וואס וועט אים העלפן, דורך זיין קעגן אים" (שם ב:יח). **כְּנֶגְדּוֹ** מיינט אז דער באשעפער האט געמאכט זיכער אז זיי זאלן זיין אנדערש איינער פון צווייטן. און **אֶעֱשֶׂה** מיינט, "איך האב עס געמאכט אויף דעם אופן מיט א ציל," ווייל צו אויסארבעטן די מידות קען מען נאר דורך זיך דארפן צופאסן נאכאמאל און נאכאמאל צו די געברויכן פון איינער וואס איז אנדערש פון דיר.

און דערפאר, ווען א מאן און ווייב מאכן זיך א ציל צו זיין גענצליך איבערגעגעבן צום פלאן פון באשעפער פון ודבק - ער איז שטענדיג געטריי צו איר און זי צו אים - טוען זיי צוביסליך אויסשלייפן איינער דעם צווייטן׳ס מידות און זיי ווערן מער און מער אויסגעאיידלט. מען דארף אפפערן אסאך קרבנות פון אייגענעם רצון אין א שלום בית, פיל מאל דארפסטו פארבייגן פון דיין ווילן; צייטן ווען דו דארפסט האלטן דיין מויל פארמאכט. אט די נאכאנאנדע אנשטרענגונג צו אנהאלטן א שלימות׳דיגע געטריישאפט, זיך צו צוזאמלעבן איינער מיט׳ן צווייטן, טוט פארשטארקן דעם זיווג און ברענגען די נשמה צו א שלימות.

## מענער זענען משוגע און פרויען זענען ווילד

איך האב געהאט א שמועס מיט איינער וואס איז שוין געווען איין מאל גע׳גט און אצינד האט ער געטראכט נאכאמאל זיך צו גט׳ן ווייל זיין צווייטע פרוי איז אויך פראבלעמאטיש. האב איך אים געזאגט אז פון א מאן׳ס בליק זענען אלע פרויען אביסל פראבלעמאטיש. **נשים עם בפני עצמן** - פרויען זענען א פאלק פאר זיך (שבת סב.). דאס מיינט, פרויען זענען אנדערש פון מענער; זיי טראכטן אנדערש. זיי האבן אנדערע געפילן און באדערפענישן.

קוק, יעדע פרוי איז אביסל ווילד. און יעדער מאן איז אביסל משוגע. דאס איז דער מענטשליכער נאטור. און דערפאר, ווען דו האסט חתונה, זאלסטו נישט ווערן איבערראשט אדער אנטוישט ווען דו טוסט דאס אנטדעקן; ווייל דאס גאנצע וואס דו טוסט אנטדעקן איז דער מענטשליכער נאטור.

## הצלחה אין לעבן

אודאי וועלן מאן און ווייב זיך דערנעווירן איינער דעם אנדערן. א ווייב אדער א מאן קען נישט זיין פערפעקט. ס׳איז אוממעגליך! און דערפאר דארף עס יעדער מאן ערווארטן און יעדע פרוי דארף דאס ערווארטן ווייל דאס איז דער סדר ביים חתונה האבן - און דער וועג פון געטריישאפט טוט נאכאנאנד אויסשלייפן און אויסארבעטן די נשמה.

אלזא, דאס מיינט נישט אז עס איז א מצוה צו מוסיף זיין - אביסל ווילד איז גענוג, אביסל משוגע איז גענוג; ס׳איז גענוג די קריצן. אבער נישט קיין חילוק וואס, מענער און פרויען האבןביידע פראבלעמען - מען וועט קיינמאל נישט טרעפן א שידוך אן קיין קריצן. און דער באשעפער

זאגט, "דאס איז מיין פלאן; און אף על פי כן, טראצדעם, זאלט איר פארבלייבן געטריי נישט קיין חילוק וואס, און איר וועט ווערן בעסער און בעסער. נאר אזוי וועט איר לעבן פרייליך, מיט ערפאלג. איר וועט אויסארבעטן אייערע מידות יעדן טאג פון אייער לעבן."

## דער פאנדומענט אין געזעלשאפטליכע פארבינדונגען

אצינד וועט איר מיר פרעגן, "איז טאקע מעגליך צו לעבן אזוי? איז עס פראקטיש צו לעבן מיט אזא געטריישאפט?" למעשה, דאס איז וואס די תורה מיינט ווען עס שטייט 'ודבק באשתו'. זיך באהעפטן מיינט צו בלייבן פאראייניגט דורך געטריישאפט - דאס איז די פראקטישסטע וועג צו מצליח זיין אין שלום בית און צו מצליח זיין אין לעבן און דערפאר מוזטו זוכן וועגן עס צו מאכן אויספירבאר.

אויב געבט מען א בליק אין רמב"ם (דיעות ז:ח), וועט מען זען אפאר גוט עצות דאס צו קענען אויספירן. דארט שטייט געוויסע מצוות פון די תורה וואס ער זאגט אז דאס זענען איינע פון די פאנדומענטן פון מענטשליכע געזעלשאפט: **לא תִקּוֹם ולא תִטּוֹר** - דו זאלסט נישט נקמה נעמען און זאלסט נישט טראגן קיין פאראיבל. פארגעב און פארגעס; דאס אלעס!

## פארגעב און פארגעס

פארבינדונגען צווישן מענטשן קענען נישט ריכטיג אנגיין אן דעם יסוד, און א שלום בית, נאכמער פון אלעם, איז א לעבן פון פארבינדונגען. א מאן און ווייב זענען זיך איינער דעם אנדערן מער ווי סיי ווער - ס'איז ווי מ'זאל האבן צו טון מיט טויזנטער מענטשן; ס'איז נאכאנאנדע פארמעסטונגען - און דערפאר לערנט אונז דער רמב"ם אז הצלחה אין לעבן פון א פארפאלק איז ווען זיי לערנען זיך ביידע צו פארגעבן און פארגעסן. דער וועלכער געדענקט צו גוט די עוולות פון דעם צווייטן, וועט צום סוף אנקומען צום בי"ד שטיבל.

דורכאויס פיל יארן וואס איך האנדל מיט פארפעלקער האב איך איינגעזען אז דאס איז א פאנדומענטאלער יסוד פאר א גוטער שלום בית. צומאל וועט א פרוי אפיר ברענגען אן עוולה וואס איר מאן האט געטון פאר צוואנציג יאר צוריק און ער וועט אויך געדענקען וואס זי האט געטון און זיי האלטן דאס אין איין איבער'חזר'ן דורכאויס די יארן - צומאל וואקסט נאך די עוולה ביים עס איבערזאגן. אזא סארט גוטער זכרון קומט נישט פון געטריישאפט - אפילו נאר צו געדענקען וואס עס האט פאסירט הייגט אינדערפרי איז א ריס אין דער ודבק. דערמיט טוט מען איגנארירן דעם ציווי אין די תורה און עס איז אוממעגליך פאר א שלום בית צו קענען אנגיין אויף אזא אופן. נאר מענטשן וואס פארגעסן, זיי זענען די וואס לעבן ערפאלגרייך.

דערפאר דארף מען זיך איינגעוואוינען צו פארגעבן און פארגעסן א גאנצע צייט. אפילו דער ערגסטער געפעכט, ווען איין צד מאכט דער מינדעסטער פרואוו זיך צו דורכקומען, זאל עס דער צווייטער צד גלייך אננעמען און זיי זאלן פארווישן די פארגאנגענהייט און אנהייבן אין די יעצטיגע מינוט א נייער בלאט. אפילו אויב זיי לעבן שוין אינאיינעם ניין און דרייסיג יאר, איז יעדן טאג א נייער בלאט. אויף דעם אופן, איז נישט נאר אז דער שלום בית וועט מצליח זיין, נאר דורך אפמעקן אלטע אויפרעגענישן, טוט מען אפמעקן פלעקן פון די נשמה.

## די גרויסקייט פון געטריישאפט

אלזא, ווען מאן און ווייב זענען זיך געטריי איינער דעם צווייטן, ווען זיי פירן אויס די הדרכה פון וואס מיר האבן דא גערעדט, זאגט דער באשעפער, "דאס זענען די מענטשן וועמען איך האב ליב ווייל זיי פירן זיך מיט די געוואלדיגע מידה פון ודבק, פון געטריישאפט."

איר ווייסט ווי גרויס די מידה איז? עס איז אזוי גרויס אז דוקא צוליב אונזער געטריישאפט איז דאס אידישע פאלק דאס אויסדערוועלטע פאלק. **וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּהַשֵּׁם אֱלֹקֵיכֶם** - ווייל איר זענט דבוק אין אים; ווייל איר טוט זיך באהעפטן אין אים, **חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם** - דערפאר וועט איר לעבן אויף אייביג. דאס איז א ברית, א בונד, וואס דער באשעפער האט געמאכט מיט אונז: "אויב זענט איר דבוק אין מיר, דאן פונקט ווי איך לעב אויף אייביג, אזוי וועט איר אויך שטיין אויף אייביג."

## מצוות מיט א צוזאמענהאנג

דער באפעל פון **וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ** און די מצוה פון **וּבוֹ תִדְבָּק** (וואס גייט ארויף אויף זיך באהעפטן צום באשעפער - דברים י:כ), ענטהאלטן ענליכע ווערטער ווייל זיי האבן א שייכות איינע צו די אנדערע. דער באשעפער זאגט, "איר דארפט זיין געטריי צו מיר און אלס טייל פון די געטריישאפט צו מיר באפעל איך אז דו זאלסט זיין געטריי צו דיין מאן און דיין ווייב אלעמאל." און פונקט ווי אפילו ווען עס זעט אונז אויס ווי דער באשעפער שיקט אונז שוועריקייטן אין לעבן דארפן מיר בלייבן געטריי צו אים, נישט קיין חילוק וואס, אזוי אויך איז דער באפעל מיט ודבק באשתו אז א מאן און ווייב זאלן זיין געטריי איינער צום צווייטן נישט קיין חילוק וואס.

און אויב זיי זענען עובר אויף דעם באפעל פון ודבק, דאן זאגט דער באשעפער, "כאטש וואס דו האלטסט אז דו ביסט געטריי צו מיר, איז עס אבער נאר א שפיל; ס'איז א פעלערהאפטע געטריישאפט. דורכדעם וואס דו פירסט זיך לויט מיין רצון אין דיינע טאג טעגליכע פארבינדונגען מיט דיין זיווג, דאס איז דער גרעסטער אויסדרוק פון



געטריישאפט וואס מ׳קען מיר ווייזן אויף די וועלט.

און דאס איז די התחייבות וואס איר האט זיך אונטערגענומען ווען איר זענט געשטאנען צוזאמען אונטער די חופה; אז איר וועט צוזאמען אויפאקערן די הארטע ערד אין עולם הזה. צוזאמען מיט געטריישאפט - איר וועט זיך שטיצן איינער דעם צווייטן צו מאכן פרנסה, צו אויסקומען מיט די אויסגאבן, צו ערציען קינדער, צו זיין אינאיינעם אין קרענק און אין געזונט, אין גוטע צייטן און אויך אין אנדערע סארט צייטן.

## א גליקליך לעבן

חתונה האבן איז ווי דאס לעבן; ווען מ׳טרעט אריין אינעם לעבן, נעמט מען עס מיט אלע פרטים, מיט די עליות און ירידות. ס׳איז ווי א וואגן וואס פארט אויף א נישט גלאטער שטראז; אויף טייל ערטער איז עס גלאט און אויף טייל ערטער איז עס שטרויכלדיג. אמאל פארט זיך גלאט און אמאל איז אנגעלייגט מיט טראפיק אויף די וועגן. אזוי קענען זיין תקופות פון פרייד און אויך פון טרויער חס ושלום, אבער מיט געטריישאפט וועט מען זיך דערהייבן צו הויכע שטאפלען פון הצלחה.

דערפאר, נאר די וואס האבן חתונה צו ארויסווייזן געטריישאפט זענען מצליח און פירן א גליקליך לעבן. נישט קיין חילוק וואס עס פאסירט, אין גרינגע און שווערע מצבים, געדענקען שטענדיג דער מאן און ווייב וואס דער באשעפער האט באפוילן פאר אדם הראשון פון אנהייב: ודבק! באהעפט זיך מיט שלימות׳דיגע געטריישאפט! דאס איז דעם באשעפער׳ס פלאן פון חתונה האבן און נאר דער דאזיגער פלאן ארבעט.

ער וועט אלעמאל זיין געטריי צו זיין ווייב און זי צו אים, און אינאיינעם וועלן זיי אונטערפירן זייערע קינדער און אייניקלעך אונטער די חופה; זיי וועלן אויך טאנצן ביי די חתונות פון זייערע אור-אייניקלעך. זייער גאנץ לעבן וועלן זיי אויף אלעם פארקוקן און פארבלייבן געטריי איינער צום צווייטן.

אייגנטליך, איז עס מער ווי בלויז ביי זייער לעבן ווייל מיר ווייסן אז אפילו ווען זיי וועלן פארלאזן די וועלט וועלן זיי בלייבן אינאיינעם אויף אייביגע אייביגקייטן. דער געטרייער מאן און ווייב פארלאזן די וועלט מיט א גוטער נאמען, און זיי ווערן באערדיגט אינאיינעם, זייט ביי זייט, און זיי געפינען זיך אויך אין עולם הבא זייט ביי זייט. און ווייל זיי זענען געווען דבוק איינער אינעם צווייטן, בלויז ווייל זיי זענען געווען געטריי פארבונדן איינער צום צווייטן דורכאויס זייער גאנץ לעבן, וועלן זיי זוכה זיין צו זיין דבוק אין די שכינה הק׳ אויף אייביגע אייביגקייטן.

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא, איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,
**הרה"ח המפואר מו"ה ר׳ מיכאל משה יהודה ב"ר יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**
הוא הגבר מולך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.
**זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ׳ ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך**

**זכות הכתיבה נתנדב: לע"נ ברינדל ב"ר צבי הלוי ע"ה**

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאלה:

**וואס פאסירט צו די ארגינעלע נשמה ווען מען באקומט די נשמה יתירה?**

### ענטפער:

דער ענטפער איז אז עס איז די זעלבע נשמה נאר עס איז בעסער.

איר דארפט וויסן אז ווען מען רעדט פון די נשמה, רעדן מיר פון א פארהוילענע מציאות. מיר זענען ווי בלינדע מענטש וואס רעדן פון קאלירן. און דערפאר באניצן מיר זיך בלויז מיט משלים. ווען מיר רעדן פון א נשמה יתירה, ווייסן מיר נישט באמת וואס מיר רעדן.

וואס מיר ווייסן יא איז, אז עס איז דא אזא מציאות ווי א נשמה - די תורה לערנט אונז די וויכטיגע נקודה אין אנהייב פון חומש. עס שטייט דארט אז דער באשעפער האט ארייגעאטעמט אינעם מענטש א גייסט פון לעבן. ער האט נישט ארייגעאטעמט אין די חיות, נאר אין די מענטשן. און שבת ווערט דער דאזיגער גייסט אין א איד איבערגעארבעט אין אזא וועג אז עס ווערט גערופן 'נשמה יתירה', וואס דאס האט די מעגליכקייט צו דערגרייכן דאס וואס די געווענליכע נשמה קען נישט קונה זיין.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער
אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:**

**347-755-8860**

yiddish@torasavigdor.org

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן